א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

254 | פרשת וישלח | תשע"ט

## מאוצרות אמונים
### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### זיך ווענדן צו א בשר ודם און אינזין האבן דעם אויבערשטן

**"וַיְצַו אֹתָם לֵאמֹר כֹּה תֹאמְרוּן לַאדֹנִי לְעֵשָׂו"** (לב ה)

א אינטערסאנטער הנהגה לערנט ארויס דער הייליגער 'נועם אלימלך' פון דא:

ווען דער צדיק וויל אפהאלטן די מקטריגים זיי זאלן נישט קענען שטערן זיין דאווענען, איז ווען ער רעדט מיט איינעם אזעלעכע ווערטער וואס יענער מיינט אז ער מיינט אים, האט ער אינזין צו דאווענען צו הקדוש ברוך הוא, און אזוי שטייט (נחמיה ב ד-ה, ראה מהרש"א ח"א ר"ה ג ב): "וָאֶתְפַּלֵּל אֶל אֱלֹקֵי הַשָּׁמָיִם וָאֹמַר לַמֶּלֶךְ", און דאס האט יעקב באפוילן פאר די מלאכים: "כֹּה תֹאמְרוּן לַאדֹנִי" - אין הארץ זאלן ענק אינזין האבן 'לאדוני' וואס געפינט זיך אין הימל, אבער מיט ענקער מויל זאלן ענק זאגן אזעלעכע ווערטער וואס זעהן אויס אז זיי ווערן געזאגט "לְעֵשָׂו".

### יעקב האט געוואלט טוהן די עבודה

**"וַיִּירָא יַעֲקֹב מְאֹד וַיֵּצֶר לוֹ"** (לב ח)

"'וַיֵּצֶר לוֹ' - אם יהרוג הוא את אחרים"

מ'דארף פארשטיין: וואס איז שוין אויב יעקב וועט הרג'ענען די וואס קומען מלחמה האלטן מיט אים, די תורה זאגט דאך: "אם בא להרגך השכם להרגו" (ברכות נח א)?

ענטפערט **רבי לוי פון בראד**: די גאנצע כוונה פון יעקב מיטן אפקויפן די בכורה פון עשו איז געווען כדי ער זאל דורך דעם זוכה זיין צו די עבודה אין בית המקדש, ווייל ביז ווען מ'האט אויפגעשטעלט דעם משכן איז די עבודה געטוהן געווארן דורך די בכורים (ב"ר סג יג). און עס שטייט אין גמרא (ברכות לב ב): "כל כהן שהרג את הנפש לא ישא את כפיו". און ס'איז מסתבר צו זאגן, אז אויב דאס איז געזאגט געווארן אויף דוכנ'ען, איז דאך זיכער אז דאס איז אויך געזאגט געווארן אויף די עבודה פון די קרבנות (ראה תוספות יבמות ז א ד"ה שנאמר). לויט דעם פארשטייט מען, אז יעקב האט מורא געהאט טאמער וועט ער הרג'ענען זיינע קעגנער וועט ער נישט קענען טוהן די עבודה.

'עטרת שלמה' [זאלקאווא תצ"ט];

### דער לויב - אזוי ווי די גוט'ס

**"קָטֹנְתִּי מִכֹּל הַחֲסָדִים וּמִכָּל הָאֱמֶת אֲשֶׁר עָשִׂיתָ אֶת עַבְדֶּךָ"** (לב יא)

א יסודות'דיגער כלל אין עבודת ה' שרייבט דער בעל 'חובות הלבבות':

לויט וויפיל גוט'ס השי"ת טוהט מיטן מענטש, דארף ער דינען דעם אויבערשטן. אזוי זעהן מיר ביי די מצוה פון מעשר; ווי מער די ברכה איז אין פעלד און עס איז אסאך געוואקסן, אזוי וואקסט אויך דער חיוב פון מעשר, און דער וואס געבט וויניגער - וועט געשטראפט ווערן אויף דעם, אויך אויב ער געבט אסאך מער פון זיין חבר וואס ביי אים איז געוואקסן וויניגער.

און פון דעם האבן די חסידים הראשונים זיך זייער געזארגט, ווען זיי האבן באקומען עפעס א טובה אויף דער וועלט, האבן זיי מורא געהאט טאמער זיי וועלן נישט לויבן און דינען דעם אויבערשטן לויט וואס זיי זענען צוליב דעם מחויב געווארן, און אויף דעם וועלן זיי ח"ו געשטראפט ווערן. און דאס האט יעקב געזאגט: "קָטֹנְתִּי מִכֹּל הַחֲסָדִים" - איך האב מורא טאמער איך וועל געשטראפט ווערן אויף דעם וואס איך האב דיך נישט גענוג געדינט לויט די טובות און די חסדים וואס דו האסט מיר געשאנקען.

'חובות הלבבות' שער עבודת האלוקים פרק ו

### די תפילה פון א ארימאן ווערט שנעל אנגענומען

**"כִּי בְמַקְלִי עָבַרְתִּי אֶת הַיַּרְדֵּן הַזֶּה וְעַתָּה הָיִיתִי לִשְׁנֵי מַחֲנוֹת"** (לב יא)

**רבי מאיר אלמאש-פופער** דער מאטערסדארפער רב טייטש די כוונה פון יעקב אבינו'ס ווערטער: אויפן וועג

## רזי אמונים
רמזים פון אמן אין די פרשה

### 'אמן' איז בגימטריה 'סוכה'

**"וְיַעֲקֹב נָסַע סֻכֹּתָה וַיִּבֶן לוֹ בָּיִת וּלְמִקְנֵהוּ עָשָׂה סֻכֹּת עַל כֵּן קָרָא שֵׁם הַמָּקוֹם סֻכּוֹת"** (לג יז)

אסאך פרעגן: עס קען דען זיין אז יעקב האט אזוי שטארק מחשיב געווען זיין שאף אז ער האט א נאמען געגעבן דעם פלאץ צוליב די סוכות וואס ער האט געבויעט פאר די שאף?

נאר, עס איז באקאנט וואס די קדמונים שרייבן אז 'סוכה' איז בגימטריה 'אמן', ווייל די צוויי מצוות האבן צוטוהן מיט אמונה. לויט דעם קען מען זאגן: ווייל די עבודה פון יעקב אבינו איז געווען די מצוה פון ענטפערן 'אמן' ('מגלה עמוקות' וישב), האט ער א נאמען געגעבן 'סוכות', און א רמז אויף דעם קען מען זאגן, די סופי תיבות פון "כֵּן קָרָא שֵׁם" - איז 'אמן'.

'אמתחת בנימין'

קיין חרן ביז איך געווען אזא גרויסער ארימאן אז איך האב געהאט ביי מיר נאר מיין שטעקן, און ווייל די תפילה פון א ארימאן ווערט שנעל אנגענומען ביים אויבערשטן (זוהר בלק קצה א), איז מיין תפילה אנגענומען געווארן און דער ירדן האט זיך געשפאלטן פאר מיר. אבער יעצט אז מיין רייכטום איז געוואקסן אזוי ווייט אז: "הָיִיתִי לִשְׁנֵי מַחֲנוֹת" - ווער ווייסט צי מיין תפילה וועט אנגענומען ווערן.

'יפה לקץ' [פון רבי ישראל דוד מרגליות פון די תלמידי החת"ס]

### א ברכה פונעם שר פון עשו

**"וַיֹּאמֶר שַׁלְּחֵנִי כִּי עָלָה הַשָּׁחַר וַיֹּאמֶר לֹא אֲשַׁלֵּחֲךָ כִּי אִם בֵּרַכְתָּנִי"** (לב כז)

**רבי מנחם מנדל איסרל גאב"ד ניקלעשבורג** טייטש:

אין גמרא (ברכות ט ב) שטייט: "כל הסומך גאולה לתפלה אינו נזוק כל היום כולו", און תוספות (שם ד"ה כל) ערקלערט אז דאס רעדט זיך ווען איינער איז מסמיך גאולה לתפלה ביי די זמן פונעם נץ השחר. און דאס האט דער מלאך - דער שר פון עשו געזאגט פאר יעקב: "שַׁלְּחֵנִי כִּי עָלָה הַשָּׁחַר", און דו דארפסט זיך צו איילן דאווענען כדי דו זאלסט קענען מסמיך זיין גאולה לתפלה אין די צייט פון דער נץ און אזוי וועט עשו דיך נישט קענען שעדיגן. אבער יעקב האט אים צוריק געענטפערט: "לֹא אֲשַׁלֵּחֲךָ כִּי אִם בֵּרַכְתָּנִי" - ווייל אויב דער שר פון עשו וועט אים בענטשן, איז זיכער אז עשו וועט אים נישט קענען שעדיגן.

'צמח צדקה'

### יעקב האט געבעהטן אזוי ווי משה

**"וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אַל נָא אִם נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ וְלָקַחְתָּ מִנְחָתִי מִיָּדִי כִּי עַל כֵּן רָאִיתִי פָנֶיךָ כִּרְאֹת פְּנֵי אֱלֹקִים וַתִּרְצֵנִי"** (לג י)

טייטש **רבי יוסף קליין** ראב"ד סערדאהעלי:

דער נוסח התפילה וואס משה רבינו האט געדאווענט אויף מרים (במדבר יב יג): "אֵ-ל **נָא** רְפָא **נָא** לָהּ" ערקלערט דער **חיד"א** ('נחל קדומים' בהעלותך) אין נאמען פון קדמונים, אז ס'איז אים נתגלה געווארן מן השמים אז אויב ער וועט דערמאנען צוויי מאל 'נא' וועט אנגענומען ווערן זיין תפילה.

אויך דא קען מען אזוי זאגן, יעקב האט געזאגט פאר עשו: אַל **נָא** אִם **נָא**", און האט באלד צוגעלייגט: "רָאִיתִי פָנֶיךָ כִּרְאֹת פְּנֵי אֱלֹקִים" - איך האב געבעהטן מיט אזא לשון וואס אויך דער אויבערשטער הערט זיך צו, איז דאך זיכער אז דו דארפסט אננעמען מיין בקשה: "וַתִּרְצֵנִי".

'דברי יוסף' [לעמבערג תרנ"ג]





## 'אמן' - איז די שטערקסטע געווער

"ווען ער הערט דאס דאווענען פונעם ש"ץ און ער ענטפערט אמן בכל כוחו איז עס זייער חשוב אז עס קען אויך צורייסן זיין שלעכטע גזר דין (תיקוני זוהר מ א) ...ווייל עס איז נישט דאס זעלבע זאך ווען איינער שיסט א קליינע פייל מיט א בויגן צו א באמבע וואס ווערט געשאסן פון א גרויסע קאנאן..."

'דברי שמואל' [סלאנים] אין אונזער פרשה

ברכות השחר: אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.

# תענה אמונים

א בליק לויטן
סדר פון דאווענען

## ברכת המזון - די מצוה פון 'זימון'

### דער מקור פון די מצוה פון 'זימון'

שנו חכמים בלשון המשנה (ברכות מה א): "שלשה שאכלו כאחת חייבין לזמן", דריי וואס האבן געגעסן צוזאמען דארפן בענטשן בזימון, די טייטש פון 'זימון' איז זיך באהעפטן זאגן צוזאמען די ברכה (רש"י שם).

דער מקור פון די הלכה לערנען ארויס די חכמים (גמרא שם) פון דעם לשון הפסוק (תהלים לד ד): "גַּדְּלוּ לַה' אִתִּי וּנְרוֹמְמָה שְׁמוֹ יַחְדָּו", וואס איז טייטש: דער וואס בענטשט זאגט פאר די צוויי וואס האבן געגעסן מיט אים - לאמיר צוזאמען גרויסן השי"ת'ס נאמען מיטן זאגן די ברכה, און פון דעם לשון "גדלו לה' **אתי**" זעהט אויס אז דער 'מברך' זאגט אזוי פאר די צוויי וואס זענען מיט אים (רש"י שם).

און דאס טרעפן מיר אויך ביי אברהם אבינו, ווען ער האט באמערקט די דריי מענטשן וואס זענען געקומען נאנט צו זיין געצעהלט, האט ער זיי איינגעלאדנט זיי זאלן עסן מיט אים, און זיין כוונה איז געווען כדי זיי זאלן צוזאמען בענטשן, ווייל די תכלית פון די סעודה איז צו בענטשן צוזאמען דריי מענטשן ('עשרה מאמרות' [לרמ"ע מפאנו] חיקור דין א כא).

### דער טעם פון 'זימון'

דער טעם פון די מצוה פון זימון ערקלערן די ראשונים, אויף עטליכע וועגן:

א. עס זענען דא וואס ערקלערן אז דאס איז א עקסטערע שבח פארן באשעפער אז אלע נעמען זיך צוזאם אים צו לויבן און דאנקען אויף די גוט'ס וואס ער האט זיי געשאנקען, און נאך שרייבן זיי אז אין דעם איז אויך דא דער ענין פון (משלי יד כח): "בְּרָב עָם הַדְרַת מֶלֶךְ" ('ארחות חיים' ברכת המזון לא; 'כלבו' סי' כה).

ב. עס זענען דא וואס ערקלערן אז דער ציל פון זימון איז ווי א ווארענונג און א דערמאנונג מ'זאל בענטשן מיט כוונה (מאירי ברכות מה א).

ג. עס זענען דא וואס ערקלערן אז די מצוה פון זימון איז ווי א הכנה צום בענטשן, און אזוי ווי מיר גרייטן זיך צו יעדע מצוה מיטן זאגן א ברכה פריער, אזוי אויך צו די מצוה פון ברכת המזון גרייטן מיר זיך צו מיטן זאגן זימון, און שפעטער וועלן מיר מער ערקלערן.

### א ברכה אויף די מצוה פון ברכת המזון

אסאך פרעגן, לכאורה, אזוי ווי מיר זאגן א 'ברכת המצוה' פאר אסאך מצוות, אזוי וואלט אויך געדארפט זיין פארן בענטשן וואס איז א מצוה דאורייתא, און פארוואס האט מען נישט מתקן געווען אויף דעם א עקסטערע ברכה?

דער 'ערוך השולחן' (קצב ב) ערקלערט, וויבאלד אז ברכת המזון אליין איז א ברכה, איז נישט שייך מתקן זיין א ברכה אויף דעם. אבער למעשה ברענגט ער, און אזוי שרייבן נאך אסאך אז די ברכת הזימון איז ווי א ברכה אויפן בענטשן. דער מקור פון דעם טרעפן מיר אין זוהר (בלק קפו ב) וואו דארט שטייט די ווערטער, אזוי ווי יעדע דבר שבקדושה דארף מען פון פריער זאגן א ברכה ווייל דורך דעם איז מען ממשיך די קדושה פון אויבן, אזוי אויך ביים בענטשן דארף מען האבן א הזמנה, און די הזמנה ווערט געטוהן דורך די זימון, ווען מ'זאגט 'ברוך שאכלנו משלו'.

אין ספר 'יסוד ושורש העבודה' (שער ז אות ח), נאכן אראפברענגען דעם זוהר לייגט ער צו:

"מיינע ברודער און פריינד... זייער פאסיג איז עס צו זאגן מיט א אינערליכע שמחה, און ער זאל זיך פרייען אין זיין הארץ מיט א געוואלדיגע שמחה אויף דעם וואס ער האט זיך צוגעגרייט צום בענטשן און דאנקען דעם באשעפער יתברך שמו ויתעלה, און ער זאל זיך פרייען א געוואלדיגע שמחה מיטן באשעפער יתברך שמו ויתעלה זכרו לעד...".

### זיך גרייטן אויפן זימון

דער עיקר פון די זימון ווערט געטוהן דורכ'ן זאגן 'נברך אלוקינו' וכו', און די צוהערהער וואס ענטפערן: 'ברוך אלוקינו' וכו'. אבער למעשה איז אונזער מנהג צו זאגן נאך עפעס פון פריער, און פארשידענע מנהגים זענען פארהאן ביי די קהילות הקודש:

אין די קהילות פון פולין האט מען זיך געפירט צו זאגן אויף די אידישע שפראך: "רבותי, מיר וועלן בענטשן". און אין ספר 'שיח שרפי קודש' (ח"א אות תמג) ברענגט ער אין נאמען פון רבי איציקל ווארקער אז מ'פירט זיך עס צו זאגן אויף אידיש, צו באטאנען אז דער נוסח איז נישט קיין חלק פון ברכת המזון. אנדערשט האט מען זיך געפירט אין אסאך קהילות אין ליטא עס זאגן אויף לשון הקודש "רבותי נברך".

אויף דעם ענטפערן די באטייליגטע [און דער מברך זאגט איבער נאך זיי] דעם פסוק (תהלים קיג ב): "יְהִי שֵׁם ה' מְבֹרָךְ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם" (משנה ברורה שם).

אנדערשט איז דער מנהג אין די קהילות פון די ספרדים וואס פירן זיך צו זאגן דער נוסח: "הב לן ונבריך למלכא עילאה קדישא", און די טייטש פון דעם איז, אז דער מברך בעהט מ'זאל ברענגען פאר אים דעם כוס כדי ער זאל אנהויבן בענטשן [אין ערוך השולחן (קצב ב) שטייט אז 'הב לן' איז פון דער לשון 'הבה' (אזוי ווי "הבה נבנה לנו עיר") ד.מ. צוגרייטן] און די וואס ענטפערן זאגן "שָׁמַיִם", וואס דאס איז ווי א קיצור פון די ווערטער 'ברשות שמים', ד.מ.: פון הימל איז מען מסכים מיט אונז אז מיר זאלן לויבן דעם באשעפער (ראה שו"ת 'רב פעלים' (ח"ד כב) בית יוסף (קסז) בשם שבלי הלקט).

נאך שטייט אין 'רב פעלים' (שם) בדרך רמז, אז 'שמים' איז ראשי תיבות: 'שומע (ו)משמיע יחד מכוונים', און דאס איז א רמז פאר די צוהערהער זיי זאלן געדענקען אינזין האבן צוזאמען מיטן מברך ווען ער בענטשט.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## ושבו בנים לגבולם

צווישן די חשובע בעלזער חסידים איז געווען הרה"ג רבי שמחה מונד זצ"ל. רבי שמחה, וואס אלע האבן אים גערופן 'ר' שמחה'לע', האט זוכה געווען אין זיין לעבן זיך מסתופף זיין אין די הופן פון דריי בעלזער צדיקים און שעפן דארטן הויפנס פון תורה און עבודת השם. אין זיינע עלטערע יארן איז ער געווען א סימבאל און א מוסטער וויאזוי א איד פון דער אלטער דור זעהט אויס, און די יונגע חסידים האבן מיט דארשט געשלינגען זיינע ווערטער און זיינע זכרונות פון די פריערדיגע יארן, אויף אים האט מען ארויפגעקוקט, און פון זיינע וועגן האט מען זיך געלערנט וויאזוי א אמת'דיגער חסיד דארף זיך פירן.

טראץ די צער און די יסורים וואס איז אריבער אויף אים אין פארשידענע תקופות אין לויף פון זיין לעבן, האט רבי שמחה נישט אויפגעהערט פון זיין עבודת ה'. נאך אין זיינע יונגע יארן איז זיין נאמען באקאנט געווען אין גאליציע אלץ א געוואלדיגער עילוי, און ביז אויף דער עלטער האט ער נישט אויפגעהערט איין מינוט פון צו שטייגן מער און מער אין אלע ענינים.

רבי שמחה איז געווען א געוואלדיגער תלמיד חכם, ש"ס און פוסקים זענען געווען קלאר אין זיין מוח, און כאטש ער האט פראבירט ווי ווייט מעגליך זיין באהאלטן און באשיידן, דאך זענען זיינע שארפע און טיפע ווערטער אנגעקומען ביז ווייט אוועק, און האבן פאר אלעמען דערציילט זיין גרויסע גאונות און געוואלדיגע בקיאות אין אלע חלקי התורה.

די צווייטע וועלט'ס קריג האט אויפגערודערט די גאנצע וועלט צוזאמען מיט רבי שמחה. צוזאמען מיט נאך צענדליגער טויזנטער אידן פון גאליציע איז ער פארטריבן געווארן ביז צו די ווייטע סיביר, ווי דארט זענען אריבער אויף אים עטליכע שווערע און ביטערע יארן, ווען אינמיטן זענען עטליכע פון זיינע קינדער אומגעקומען אויף קידוש ה'. רבי שמחה אליין האט זוכה געווען דורך ניסי ניסים איבערלעבן צוזאמען מיט עטליכע פון זיינע קינדער, זיינע זוהן האבן זיך באזעצט אין אמעריקא, אבער רבי שמחה מיט זיין טאכטער זענען ארויף קיין ארץ ישראל און זיך באזעצט אין תל אביב, אונטער די שאטן פון זיין גרויסן רבי'ן, דער בעלזער רב הגה"ק רבי אהרן זיע"א, דארט איז ער אויפגענומען געווארן צו זיין דער בעל-קורא און בעל-תפילה. און נישט אומזינסט האט מען אים אויסדערוועלט אויף דעם, נאר ווייל ער איז געווען אויסגעצייכנט אין עבודת התפילה, און זיינע תפילות וואס זענען ארויסגעקומען פון טיפן הארץ צוזאמען מיט זיין שיינע שטימע, האבן אויפגעציטערט די הערצער פון די מתפללים.

נישט אסאך האבן געוואוסט פון דעם טיפן ווייטאג וואס איז געווען באהאלטן אין די טיפעניש פון די הארץ פון רבי שמחה אין לויף פון זיינע לאנגע יארן אין ארץ הקודש; די מיטמאכעניש פון די קריג האבן געווירקט אויף זיין טאכטער, און צו די גרויסע ווייטאג האט זי זיך דערווייטערט פון אידישקייט און האט אויך אויפגעשטעלט איר הויז אין די ווייטע בראזיל מיט א איד וואס איז נישט געווען קיין שומר תורה ומצוות.

פאר רבי שמחה האט זייער וויי געטוהן דער מצב פון זיין טאכטער. אבער די ווייטקייט צוזאמען מיט די אמאליגע שוועריקייט פון צו האלטן קשר, האבן זייער אפגעשוואכט זיין השפעה אויף איר און די באציאונגען צווישן זיי איז אינגאנצן לויז געווארן.

נאר איין געווער האט געהאט דער פאטער וואס האט אזוי שטארק זיך געזארגט און געבענקט, דאס איז דער געווער פון דאווענען; אין זיין שטילע און קליינע ווינקל אין תל אביב האט רבי שמחה פארגאסן טרערן פון טיפן הארץ און געהאפט צום אויבערשטן ער זאל שיקן א רוח טהרה פון הימל צו זיין טאכטער'ס הויז, זיי זאלן זוכה זיין אמת'דיג תשובה טוהן.

עס זענען אריבער אסאך יארן וואס ער האט כמעט נישט געהערט פון זיין טאכטער, אבער ער האט נישט אויפגעהערט פון צו דאווענען אויף איר, און אט, אין די יארן פון ה'תש"ל איז רבי שמחה געוואר געווארן אז איינע פון זיינע אייניקלעך, א טאכטער פון די טאכטער וואס וואוינט אין בראזיל, איז ארויף קיין ארץ ישראל צוזאמען מיט איר מאן און זי האט זיך באזעצט אין קרית טבעון וואס איז אין צפון זייט. עטליכע יאר נאכדעם איז ער געוואר געווארן אויפן געבורטס פון זייער זוהן - זיין אור-אייניקל, ונקרא שמו בישראל 'אורי'.

רבי שמחה איז דעמאלטס שוין געווען א זקן מופלג, ער איז שוין געווען נאנט צו די ניינציג, אבער נאכן געבורטס פון דעם אור-אייניקל האט ער זיך אנגעגארטלט מיט א נייע האפענונג, ווער ווייסט, אפשר וועט ער כאטש דעם אור-אייניקל קענען צוריק ברענגען צום אידישן וועג.

און אזוי, אן זיך צו רעכענען מיט זיין טיפן עלטער, האט רבי שמחה זיך מטריח געווען און איינמאל אין צוויי וואכן איז ער געפארן ביז צו די ווייטע קרית טבעון, ווען ער נעמט מיט נאשערייען פאר דעם קליינעם אייניקל. דער וועג אהין איז ער געפארן מיט א אלטן אוטובוס, ווען פון די באס-סטאנציע האט ער געמוזט גיין נאך עטליכע קילאמעטער אויף נישט א אויסגעטרויטענעם וועג ביז צום הויז פון זיין אייניקל.

זייענדיג אין הויז פון זיין אייניקל האט רבי שמחה געהאלטן דעם קליינעם אורי אויף זיין שויס, געגעבן די נאשערייען וואס ער האט געהאט מיטגעברענגט און פראבירט אריינלייגן אין אים די וויכטיגע אידישע יסודות, לויט די מעגליכקייט און פארשטאנד פון דעם קליינטשיגן. אין די זעלבע צייט האט ער פראבירט ערקלערן די עלטערן, אז אויך אויב זיי האבן באשלאסן צו לעבן זייער לעבן ווייט אוועק פון זייער אמאליגן אפשטאם, זאלן זיי נישט שטערן און אפהאלטן פון זייער קליינעם קינד צו געבן צום וויניגסטנס די וויכטיגע פונקטן פון דעם אידישן חינוך.

צו זיין גרויסן ווייטאג האבן זיינע ווערטער נישט אויפגעטוהן אזוי ווי ער האט זיך געראכטן, און איינמאל האט די אייניקל אים געבעהטן מיט גרויס כבוד ער זאל אויפהערן קומען זיי באזוכן, מיט די אויסרייד אז עס איז א שאד ער זאל אויסנוצן זיינע שוואכע כוחות אויף דעם. אלנפאלס טראכטן זיי נישט צו טוישן זייער וועג.

אנטוישט און אנגעווייטיגט איז ער אריין צו זיין רבי, דער בעלזער רבי שליט"א, דארט האט ער אראפגעלייגט זיין גרויסער ווייטאג אז זיין הארוואניע טוהט גארנישט אויף, און עס זעהט אויס אז אויך די סאך תפילות וואס ער דאוונט אויף דעם רוחניות'דיגן צוקונפט פון זיינע קינדער טוהן נישט אויף.

דער רבי האט אים אויסגעהערט און פארשטאנען וואס עס דריקט אים אויפן הארץ. "דו האסט געטוהן דיינס" - האט אים דער רבי בארואיגט, "אורי איז נישט נאר דיין אייניקל, ער איז אויך דעם אויבערטשנ'ס קינד, דאוון ווייטער אויף אים און דער אויבישטער וועט טוהן זיינס, און פריער אדער שפעטער וועט ער זיכער צוריק קומען צום ערליכן וועג".

רבי שמחה איז אהיים צו זיין הויז, דעם שווערן וועג קיין קרית טבעון האט ער אויפגעהערט צו פארן, אבער זיינע ערליכע תפילות האט ער פארגעזעצט יעדן טאג. ער האט זיך נישט מייאש געווען, און אין טיפן הארץ האט ער געגלייבט אז עס וועט נאך קומען א טאג און זיין קליינער אור-אייניקל וועט צוריק קומען.

אין יאר תש"נ, ווען ער איז שוין געווען זייער אלט, נאנט צו די הונדערט, איז רבי שמחה נפטר געווארן, ווען ער לאזט איבער נאך זיך א דור ישרים יבורך.

יארן זענען אריבער, דער קליינער אורי איז שוין געווארן גרויס. ער האט שוין געענדיגט זיינע אקאדעמישע לערנונגען מיט א געוואלדיגע הצלחה, ער האט אנגעהויבן ארבעטן אין א גרויסע געלונגענע קאמפעני אין דעם פעלד וואס ער איז געווען אויסגעצייכנט. אין לויף פון די יארן האט ער חתונה געהאט מיט זיין פרוי וואס אירע עלטערן האבן די ווייניג וויסנשאפטן וואס זיי האבן פארמאגט אין אידישקייט איבערגעבן פאר זייערע קינדער.

עס איז איטערסאנט אז די פרוי פון אורי האט זיך זייער באהאפטן צו דעם תהלים'ל. א טייל קאפיטלעך האט זי אפילו געקענט אויף אויסנווייניג, און אין יעדע צייט האט זי זיך משתדל געווען דאווענען אין דעם, כאטש נישט שטענדיג האט זי פארשטאנען וואס זי זאגט.

עטליכע יאר נאכדעם האט זיך פארמאכט די קאמפעני וואו אורי האט געארבעט, אורי האט געמוזט זוכן א אנדערע ארבעט, און פארשטייט זיך אז ער האט אנגעהויבן טראכטן פון נאך אנדערע סארט ארבעטן.

זיין פרוי וואס פון זייער חתונה האט זי אים געוואלט מקרב זיין צו די וויכטיגע אידישע יסודות, האט אויסגענוצט די יעצטיגע געלעגנהייט ער זאל גיין צו א סעמינאר וואו דארט זאל ער לערנען איבער אידישקייט. אירע ערווארטונגען זענען נישט געווען גרויסע, זי האט געוואלט ער זאל לעבן מיט אביסל אמונה, נישט אסאך מער פון איר...

אורי האט עס אפגעווארפן. אבער זיינע חברים פון אמאל וואס האבן שוין זוכה געווען צו קאסטן פון די ליכטיגקייט פון די אידישקייט האבן אים איבערגערעדט, און אורי האט צוגעשטימט.

די עטליכע טעג אין די סעמינאר האבן געמאכט א טויש אין דעם הארץ פון אורי. ער איז אהיים מיט א פעסטע באשלוס - ריכטיג תשובה טוהן.

זיין פרוי וואס איז איבערראשט געווארן פון זיין שנעלע וועג איז אין אנהויב געבליבן אונטערשטעליג. יעצט האט אורי געדאוונט אויף איר, און די ישועה איז געקומען פון א אומגעראכטענעם פלאץ; אין יענע טעג האט זי געענדיגט אירע לערנונגען, און זי האט אנגעהויבן זוכן א פאסיגע ארבעט'ס פלאץ.

אזוי ווי איר שטייגער האט זי אנגעהויבן דאווענען אין איר תהלים'ל, און זייער שנעל האט מען איר אנגעטראגן גאר א געלונגענע פארשלאג. א נעץ פון מוסדות חינוך וואס טוהן אין 'קירוב' האבן איר אנגענומען אויף די ארבעט וואס זי האט געהאט ערפארונג, די באדינגונגען זענען געווען אויסגעצייכנט, און זי האט אנגענומען די פארשלאג און אנגעהויבן דארט צו ארבעטן.

צוביסלעך האט זי זיך דערנענטערט צו די ערליכע גייסט וואס האט געהערשט אויף דעם פלאץ, און נישט נאך אסאך צייט האט זי זיך אינגאנצן צוגעשטעלט צו איר מאן'ס וועג.

די תפילות פונעם גרויסן זיידן האבן אויפגעטוהן; אסאך יארן נאך זיין פטירה איז אויפגעשטעלט געווארן נאך א ערליכע אידישע הויז. און רבי שמחה האט אין הימל געהאט מנוחה.

'אין עוד מלבדו' ח"ד עמ' 61

עיצובים shay

"בני אמונים" ת.ד. 102 בני ברק | פקס. 08-9746102 | מייל. 9139191@gmail.com | ניתן לקבל עלון זה במייל מידי שבוע